א ליכטיגן תמיד
אודיא
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# שיעור הכנה לפסח

## (משנת תשפ"ב)

### די יסוד פון פסח - נישט איינשלאפן אין גלות

עס איז געווען אמאל ביים סדר נאכט, ביי דער הייליגער **שפאלער זיידע** זי"ע, און דער שפאלער זיידע האט אנגעפאנגן 'קדש', האט דער קליינער קינד געזאגט: "קדש אז דער טאטע קומט אהיים פון שול, דארף ער באלד קידוש מאכן!". האט אים דער טאטע - דער הייליגער שפאלער זיידע - געפרעגט: "דאס איז עס? דו זאגסט נישט ווייטער - כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן, און פרעגן מה נשתנה?!". האט דער אינגל געזאגט פארן טאטן - דער הייליגער שפאלער זיידע: "דער מלמד האט דאס נישט אויסגעלערנט!".

צופרי, ווען ער האט געטראפן די מלמד, האט ער אים געפרעגט, פארוואס ער האט נישט געזאגט 'קדש', אזוויי עס איז איינגעפירט אין אלע דורות, אז מען לייגט צי 'כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן'?

האט אים דער מלמד געענטפערט, אז די הלכה איז דאך, אז אפילו איינער האט נישט קיין קינדער, דארף אויך מאכן גלייך קידוש, ממילא האט ער נישט פארשטאנען, פארוואס מען זאגט כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן, און ממילא האט ער עס נישט געזאגט.

האט אים דער שפאלער זיידע געגעבן א פסק און געזאגט: די ערשטע זאך איז, מען טאר נישט גרינג מאכן מנהגי ישראל, אויב אזוי האט מען זיך געפירט ביי כלל ישראל, דארף מען עס טון אפילו מען פארשטייט נישט! אבער איך גיי דיר מסביר זיין וואס מיר זאגן מיט די ווערטער פון קדש: דאס גייט ארויף אויפן טאטען אין הימל, דער בורא כל עולמים. קדש, ווען דער טאטע, דער הייליגער באשעפער, אונזער טאטע אין הימל, קומט אהיים פון שול, נאכדעם וואס אידישע קינדער האבן געדאווענט אזא ווארימע מעריב, אזא פרייליכע הלל, יעדער איינער האט זיך צוגעגרייט מיט א מורא'דיגע שמחה, יעדער איינער האט געזאגט הלל מיט א מורא'דיגע התעוררות און התרגשות דקדושה, זאגן

מיר פארן הייליגן באשעפער: דארף מען באלד מאכן קידוש, די 'קידושין' מיטן כלל ישראל, און אונז אויסלייזן נאך אין די נאכט, די ליל שימורים, די נאכט פון פסח. ווייסט פארוואס? כדי די קליינע קינדער, די קינדערלעך, די ילד שעשועים פונעם הייליגן באשעפער, וואס זיי זענען אזוי לאנג אין גלות, זאלן ח"ו נישט איינשלאפן, זיי זאלן קענען אנהאלטן און האבן א כח צו גיין ווייטער, און נישט חלילה פארפאלן ווערן אין די גלות'ן...

דאס איז די יסוד פונעם יו"ט פסח - די יסוד פון יו"ט פסח איז, אז מיר זאלן נישט איינשלאפן אין די גלות, מיר זאלן קענען האבן א קיום אין די גלות, און בעזר ה', דער הייליגער באשעפער זאל אונז אויסלייזן פון דעם גלות.

## אויפגעגעבן די חומרות

הרה"ק רבי **משה ארי' פריינד** זצוק"ל, דער גאב"ד פון ירושלים עיה"ק, האט פארציילט, אז דער נאסוידער רב זצוק"ל, האט געהאט מורא'דיגע חומרות אין פסח, און א גאנץ פסח איז ער געווען זייער טרוד, אפצוהיטן די קינדער, אז מען זאל נישט ברעקלען, וועגן די חומרא פון בראקן, ער איז געווען זייער נזהר אויף די ענין פון בראקן, און מען זאל נישט טון דאס און דאס... עס איז געווען מורא'דיג אנגעצויגן דארט אין שטוב, גאנץ פסח.

איין יאר האט ער געזען, אז די טאטע געבט צו עסן פאר די קינדער, און ער איז רואיג, ער זאגט נישט גארנישט, עס איז געווארן אזא פרייליכע אטמאספער אין שטוב. האט דער טאטע פארציילט, וואס האט אים געמאכט משנה זיין דעם אנגעצויגנקייט פון די יו"ט פסח? האט ער פארציילט: ווייל ער איז געווען אין צאנז, און ער האט געזען אז דער הייליגער **צאנזער רב** זי"ע איז נישט מחמיר אין די אלע חומרות, און דארט איז נישט געווען קיין שום אנגעצויגנקייט. נאכמער, ער האט אפילו געגעסן די אייער מיט די צוויבל. אזויווי ער האט געזען דער הייליגער צאנזער רב, דער שר התורה, מיט זיין קדושה און טהרה, האט אזא פרייליכע יו"ט, און ער ברענגט נישט אריין קיין שום אנגעצויגנקייט, האט ער דאס מקבל געווען, און ער האט משנה געווען זיין מנהג פון מאכן אזויפיל חומרות, און אזויפיל ווארענונגען אויף די קינדער.

## נישט האבן חומרות וואס מאכט אן אנגעצויגנקייט אין שטוב

מען פארציילט, אז דער הייליגער **אריה דבי עילאה** זצ"ל, וואס ער איז געווען אן איידעם ביים הייליגן **ישמח משה** זי"ע, האט זיך געפירט אום פסח מיט געוואלדיגע חומרות, מורא'דיגע חומרות. ער האט נישט געגעבן אין פסח קיין שום געקעכטס וואס מען האט געקאכט אין יו"ט, נאר וואס מען האט געקאכט פאר יו"ט, ממילא האט מען געדארפט קאכן און באקן פאר יו"ט אלעס, כדי דער הייליגער אריה דבי עילאה זאל האבן א שמחת יו"ט.

איינמאל האט זיך געמאכט, חוה"מ ביי די סעודה, מען האט אריינגעברענגט פלייש פון אן אינדיג, פון א קאטשקע, און אזוי ווי ער האט אנגעפאנגן אראפנעמען די הויט פונעם פלייש, האט ער געזען אז דארט איז דא א ווייצל צווישן די הויט און די פלייש פונעם

קאטשקע, ער האט זיך מורא'דיג געוואונדערט, וואו קומט אריין א ווייצל צווישן די הויט און די פלייש פונעם אינדיג? ביז ער האט זיך איבערגעטראכט, אז דאס איז א רמז פונעם הייליגן באשעפער, אן אצבע אלקים, צו וויזן, אז מען טאר נישט האבן אזעלכע חומרות וואס מאכט א מורא'דיגע שוועריגקייט און אן אנגעצויגנקייט אין שטוב, און עס נעמט אוועק די געוואלדיגע שמחת יו"ט וואס מיר זענען מחיוב, זיך מחיה זיין, און משמח זיין, אינעם הייליגן יו"ט.

## די עיקר ביעור חמץ איז: שמחה

פאר פסח גליט מען דאך, די הלכה איז, א כלי וואס מען האט זיך באניצט אין פייער, אזויווי אן אויוון, כדי צו כשר'ן, דארף מען עס גליען אין פייער. כעס איז אש-פייער, ווען עס קומט ערב פסח, דארף מען אויסרוימן די חמץ, און אלע עבירות, און אלע מידות רעות וואס א מענטש האט זיך אנגעזאמלט פון א גאנצן יאר, חלילה וחס, און מען דארף נעמען די קאך פון כעס, וואס א מענטש האט אין זיך, און מען דארף דאס אויסגליען און אויס'כשר'ן, מיט אריינברענגן א קאך פון שמחה, פון התלהבות, פון פרייליכקייט צו טון די מצוות הבורא ית"ש.

## חכמה ברענגט כעס

אין פסוק שטייט: **כי ברוב חכמה רוב כעס** - ווען א מענטש האט אסאך חכמה, קען עס ברענגען אסאך כעס. זאגט דער **מצודות דוד**: ווייל ווען א מענטש איז א חכם, הייבט ער אן קוקן אויף מענטשן, און ער זעט, דער טוט נישט ריכטיג, און דער טוט נישט ריכטיג, און דער וואלט נישט געדארפט אזוי טון... און דאס איז גורם, אז עס ברענגט אריין א געוואלדיגער כעס אין א מענטש. קומט אויס, אז שלמה המלך זאגט אונז דא אן: צו זיין א חכם איז זייער א גוטע זאך, אבער ווי קלוגער דו ביסט, ווי טאלאנטפולער דו ביסט, ווי מער כוחות דו האסט אין חכמה, דארפסטו מער זיך אפהיטן פון כעס, און נישט מדקדק זיין אויף אנדערע מענטשן, וואס זיי טוען אנדערש ווי דו טוסט.

אזויווי מען פארציילט, אז דער גאון רבי **ישראל סלאנטער** זצ"ל, האט געזאגט, אז ווען ער האט אנגעפאנגן לערנען מוסר, איז ער געווארן אזוי אויפגערעגט אויף די גאנצע וועלט, ער האט געלערנט מער מוסר, איז ער געווארן אין כעס אויף די גאנצע וועלט, אבער אויף זיך אליין אויך. צום סוף, ווען ער איז שוין געווען גוט אריינגעטון אין עניני מוסר, האט ער געזען אז מען דארף נישט זיין אין כעס, נישט אויף די וועלט, און נישט אויף זיך אליין...

דאס איז אונזער עבודת הקודש, צוצוגיין צו די יו"ט פסח. נעמען אונזער כעס, נעמען אונזער אויפרעגעניש, נעמען אונזער חכמה וואס אונז האב מיר, וואס דאס ברענגט אז מען לייגט א לחץ, א פרעשער, מען לייגט אן אנגעצויגנקייט, מען קריטעקירט אנדערע מענטשן, מען איז תובע פון אנדערע מענטשן... אונז גיי מיר דאס כשר'ן! אונז גייען ניצן אונזער חכמה בינה ודעת, זיך אריינצוטראכטן וויאזוי אונז קען מיר אריינברענגען די מצוה פון די תורה פון מאכן פסח'דיג, מיט א מורא'דיגע שמחה, מיט א מורא'דיגע

יישוב הדעת, מנוחה ושמחה אור ליהודים.

## די יסוד פון וויסן אויב עס איז על פי תורה - אויב עס איז נועם!

מיר דארפן געדענקן, אין די תורה שטייט: דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום. עס איז נישט דא קיין מצוה אין די תורה, וואס עס דארף נישט זיין בנעימות, זיס. עס איז נישט דא קיין מצוה פון די תורה וואס דארף נישט קומען אינגאנצן מיט די כח פון שלום. עס שטייט אין די תורה, אז עס קומט שטראפן ח"ו פארן כלל ישראל - תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה. תשובה דארף מען טון מתוך שמחה, אלעס דארף א איד טון מתוך שמחה - פקודי ה' ישרים משמחי לב. די תורה דארף ברענגען א פרייליכקייט, עס איז נישט דא קיין שום מצוה פון די תורה, וואס רופט זיך 'אנגעצויגנקייט', און עס איז נישט דא קיין מצוה אין די תורה, וואס ברענגט נישט זיסקייט, וואס עס ברענגט נישט אהבה אחוה שלום וריעות.

די מצוה פון פסח'דיג מאכן איז ממש פארקערט פון אנגעצויגנקייט. מען מאכט ביעור חמץ, דאס איז מרמז, אז דער מענטש זאל ארויס נעמען אלע מידות רעות, אלע כעס, אלע קריטיק, וואס מען האט אויף אנדערע מענטשן, אלע אנגעצויגנקייטן, אלע מחלוקת'ן, אלע פירוד לבבות - אלעס רוימט מען ארויס פון די הויז, מיט די חמץ. און מען ברענגט אריין א געוואלדיגע שמחה, אן אהבת ישראל, אן אהבה צו די שטוב, אן אהבה צו די קינדער, אן אהבה צו דעם אייבערשטן, אן אהבה צו די תורה, אן אהבה צו טון די מצוות התורה. און דערנאך, אזוי מאכט מען פסח'דיג.

ווען א מענטש וויל וויסן, וואס איז די גדר וואס איך דארף יא פסח'דיג מאכן און וואס נישט. צי עס איז די פרידזשעדער, צי עס איז די קלאזעט, צי עס איז די ווענט, צי עס איז די פאדליגע... די תשובה איז: די הקדמה און די הגדרה צו דעם איז, אז מען דארף זיין רואיג, און מען דארף זיין פרייליך, און מען טאר נישט כעס'ן, און מען טאר נישט וויינען, און מען טאר נישט זיין מיואש, און מען טאר נישט זיין בעצבות און במרה שחורה, און מען טאר אויף קיינעם נישט ארויפלייגן קיין פרעשער. עס דארף זיין בדרכי נועם; ואהבת לרעך כמוך; פקודי ה' ישרים משמחי לב; טון די עבודת ה' מיט שמחה, עס דארף ברענגען א פירסם כבוד שמים, עס דארף ברענגען אן אהבה צו די תורה און צום אייבערשטן, עס דארף זיין א 'זיסע אידישקייט', א זיסע עבודת הקדוש - דאס איז די סימן אז דו טוסט ריכטיג! אלע אנדערע זאכן דארף מען נאכדעם טון, וואס מען קען אריינלייגן אין שמחה; אין אהבה; אין שלום; דאס איז די מצוות התורה פון פסח'דיג צו מאכן. וואס עס גייט נישט אריין דארטן - איז נישט די מצוות התורה.

## כעס איז נאך הארבער

מען פארציילט אז ביים **אהבת ישראל פון וויזשניץ** זי"ע איז איינמאל געשען, אז די ערב פסח מצות, וואס איז געווען מהודר'דיגע מצות, האט זיך אויפגעטוישט מיט אנדערע מצות, עס איז געווארן פארמישט. און עס איז געווען צווישן די שטוב מענטשן, וואס

זענען געווען זייער בייז אויף די גבאים, אויף די ממונים. וואס הייסט, מען האט נישט אפגעהיטן דעם רבינ'ס מצות ווי עס באדארפט צו זיין?!

האט דער הייליגער אהבת ישראל פארציילט, אז אין אסאך פלעצער איז געווען איינגעפירט, אז מען לייגט אוועק די עופות אויף פסח, און מען האט עס אנגעטון מיט אזעלכע מענטעלעך אז עס זאל זיך האלטן ריין, עס זאל נישט האבן קיין חמץ און קיין קטניות. האט פארציילט דער אהבת ישראל, אז די הינדעלעך וואס האבן געהאט די מענטעלעך וואס מען האט אוועקגעלייגט פאר פסח, האט מען אפגעזינדערט, און די אנדערע עופות זענען געווען אין אן עקסטערע פלאץ. ביי איינע פון די צדיקים וואס האבן געהאט די חומרא, האט זיך אמאל געמאכט, אז איינע פון די חמץ'דיגע הינדעלעך וואס מען האט נישט אפגעהיטן פאר פסח, איז אריינגעשפרינגן אין די צימער וואס מען האט געהאלטן די פסח'דיגע הינדעלעך. און איינער איז געקומען שרייען דארטן וואס גייט דא פאר, מען קען נישט אפהיטן די עופות פארן רבי'ן? פארן הייליגן צדיק?!

האט זיך דער צדיק אנגערופן: האסט נאך קיינמאל נישט געהערט פון די איסור וואס הייסט כעס? וואס הייסט דו כעס'ט זיך?!

האט יענער זיך פארענטפערט: רבוש"ע?! חמץ איז דאך במשהו, אביסל חמץ איז שוין אן איסור!!!

האט געענטפערט דער צדיק: איך רעד צו דיר וועגן די איסור פון כעס, וואס חז"ל זאגן, אז דאס איז אזויווי מען דינט עבודה זרה, און דו ענטפערסט מיר פון א חמץ'דיגע הינדל, פון א חמץ במשהו, ווי שטעלסטו צוזאם די צוויי זאכן?! כעס איז דאך סאך א הארבערע זאך!

(אזוי האט פארציילט כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מוויזשניץ-מאנסי זצוק"ל. און די מעשה פונעם אהבת ישראל, האט דער חפץ חיים פארציילט פאר א צווייטער איד, וואס ביי אים איז געשען די זעלבע זאך, אז עס האט זיך אויסגעמישט חמץ מיט פסח'דיגע זאכן, און מען איז געווארן מורא'דיג אויפגערעגט, און מען איז געווארן אין כעס, האט דאס דער חפץ חיים פארציילט פאר דעם איד)

## נישט קיין חמץ און אוודאי נישט קיין כעס!

עס איז געווען אין ירושלים, אין די אמאליגע צייטן, איינע פון די גרויסע מורה הוראות, ער האט געהייסן רבי **מיכל'ע הורוויץ** זצ"ל. פארציילט מען א מורא'דיגע מעשה. א מיידעלע פון ירושלים איז געקומען צו אים אין די טאג פון בדיקת חמץ צו פרעגן א שאלה. ווען די מיידל איז אריינגעקומען, האט זי זיך זייער געוואונדערט, אז זי האט געזען ביים רב אין שטוב איז נאך דא חמץ, מען דערקענט בכלל נישט די פסח'דיגע אנגעצויגנקייט. זי איז געשטאנען ממש געפלעפט!

דער רב הרב הורוויץ האט דאס באמערקט, האט ער איר געזאגט: זאלסטו וויסן, אלע הכנות פון פסח זענען זייער חשוב, אבער עס האט א תנאי, אז עס ברענגט נישט כעס! כעס איז כאילו עובד עבודה זרה. און אזויווי זיין רביצין איז נישט אזוי געזונט, און טאמער וועט ער זיך שטארק שטעלן אויף די אלע חומרות פון פסח'דיג מאכן, וועט אויסקומען, אז זי וועט ווערן אין כעס,

און עס וועט שאטן פאר איר געזונט. ממילא, איז ער מקיים די הלכה פון אויסרוימען די חמץ פשוטערהייט, אן קיין שום חומרות.

וואס הייסט? פארן זמן בדיקת חמץ, גייט ער נעמען א בעזים, און ער גייט גוט אויפקערן די הויז, און ער גייט איבערקוקן אלע פלעצער וואו עס איז דא חמץ, און ער גייט עס ארויסנעמען, און ער גייט נעמען דאס לעכטל, און ארומגיין אין די אלע צימערן, און זוכן צו עס איז דא דארט חמץ, און מיט דעם איז ער מקיים די מצוה פון ביעור חמץ.

און ער האט צוגעלייגט פאר די מיידעלע און געזאגט: און אזוי וועלן מיר בעזר השם אריינגיין אינעם היילגן יום טוב פסח בשמחה ובטוב לבב, און אונז וועלן חס ושלום נישט אריינעמען אין אונזער הויז לכבוד פסח, די שרעקעדיגע עבירה פון כעס, פון אויפרעגעניש, און אוודאי נישט קיין מחלוקת, און אוודאי נישט אונטערדרוקן מענטשן!

עס איז דא א לאו אין די תורה פון 'לא תרדה בו בפרך', וואס דער שערי תשובה שרייבט אויף דעם, אז אפילו בעטן א טובה פון א מענטש, און יענער קען דיר נישט אפזאגן די טובה, איז מען עובר אויף די לאו פון לא תרדה בו בפרך, מען טאר זיך נישט באנוצן מיט מענטשן אויף א וועג ווי יענער טוט פאר דיר אן ארבעט ווי אן עבד, וואס אפילו אן עבד עברי טאר מען נישט אויף אן אופן מען ארבעט מיט אים בפרך, מיט שווערע געצווינגענע ארבעט - אזוי זאגט די תורה, לא תרדה בו בפרך! און אוודאי איז דאס נישט געווען די רצון פונעם בורא יתב"ש, אז די יום טוב פסח זאל אונטערדרוקן מענטשן, און צעברעכן מענטשן, און ברענגען טרערן פאר מענטשן, און הארץ ווייטאג און שלאפלאזע נעכט ח"ו ח"ו, עס איז נישט דא אזא מצוה אין די תורה!

## טון מצוות נאר דורך מצוות נישט מצוות הבא בעבירה

עס שטייט פונעם אר"י הק', אז יעדע אנגעשטרענגקייט און יעדע שוויצן וואס א מענטש שוויצט לכבוד דעם, וואס ער גרייט זיך צו אויף יום טוב פסח, ארויסנעמען די חמץ און אריינברענגען די מצה, איז ער זוכה מיט דעם אויף כפרת עוונות. יעצט, לאמיר טראכטן: וויאזוי קען מען מיט עבירות זוכה זיין צו כפרת עוונות? עס איז דאך א מצוה הבא בעבירה? אלא מאי, די תורה וויל, זאלסט טון מצוות דורך מצוות, און עס איז נישט דא קיין שום מצוה אין די תורה, וואס באטרעפט יסורים פאר אונדערע אידן, וואס באטרעפט יסורים פאר די מענטש אליין, וואס מאכט דאגות, וואס מאכט יאוש, וואס מאכט פארלוירנקייט ח"ו. אונזער תורה האט נישט אזעלכע מצוות!

## אזוי גייט זיך דער אייבערשטער פירן א גאנץ יאר

און אזויווי רבי חיים פלאגי שרייבט, אז וויאזוי א מענטש פירט זיך אויף ערב פסח און אום פסח צו זיינע שטוב מענטשן, אזוי וועט מען זיך אויפפירן צו דער מענטש דורכן יאר, מדה כנגד מידה. איר הערט אידן?! דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן א יום טוב פסח, און ער האט געזאגט: איך געב דיר די מצוה, אבער געדענק! וויאזוי דו פירסט זיך אויף צו דיינע מענטשן מיט די

מצוה, אזוי וועט מען זיך אויפפירן צו דיר א גאנצער יאר!

יעצט לאמיר טראכטן: וויאזוי וויל מיר אונז אז דער הייליגער באשעפער זאל זיך אויפפירן א גאנצע יאר? פרייליך און לעבטיג! מיט השפעות און אלע גוטע זאכן! אונז זאל מיר האבן א לעבן אן קיין דאגות! און אונז זאל מיר האבן א לעבן מיט מנוחה ושמחה, אהבה אחוה שלום וריעות! - טו אזוי צוגרייטן דעם יום טוב פסח! אזוי רוים ארויס די חמץ, און אזוי ברענג אריין דעם פסח! וועסט דאך האבן אזא לעבטיג גליקלעך יאר, א מחיה, עס לוינט זיך ב"ה!

## דורך די הכנה לפסח קען מען זוכה זיין צו רוה הקודש

מען זאגט איבער פונעם הייליגן קדושת לוי פון בארדיטשוב זצ"ל, אז דורך די עבודת הכנה לפסח, קען מען זוכה זיין צו רוח הקודש. נו? וואס טוט דער יצר הרע? ער האט דאך מורא געהאט אז די גאנצע כלל ישראל וועט דאך ווערן בעלי רוח הקודש... ברענגט ער אריין כעס און שרייען און אויפרעגעניש, כדי דער מענטש זאל נישט זוכה זין צו די רוח הקודש, וואס מען קען זוכה זיין, דורך די הכנות צו יום טוב פסח.

## צעברעכן די כעס בפרט אין די ימי הפסח

הרה"ק רבי **אהרן פון זיטומיר** זצ"ל - ער איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגן בארדיטשובער זי"ע - שרייבט: א מענטש דארף צעברעכן די מדות רעות, עס זאל נישט זיין קיין כעס אויף קיין שום אופן נישט, ובפרט אין די טעג פון ערב פסח וואס עס איז דא גרויסע טרחות, דארף מען וויסן, א גרויסע טרחא איז א גרויסע מצוה, אבער מען קען עס קאליע לייגן מיט כעס, מיט גאווה, מיט קנאה, מיט שנאה, מיט מחלוקת, מיט פרעשערן, מיט לייגן יסורים אויף אידן, מיט ח"ו ברענגן אויף זיך אליין אן עצבות, א מרה שחורה, פארדאגה'ט.

וואו איז אונזער אמונה פשוטה?

די גאנצע יו"ט פסח איז ארויסצוברענגען אמונה אינעם הייליגן באשעפער, אז דער הייליגער באשעפער איז מיט אונז אין גלות, אמונה אז דער הייליגער באשעפער וועט אונז ארויסנעמען פונעם גלות, אמונה מיט שמחה דאס איז דאך צוויי גוטע פריינד וואס מען קען זיי נישט אפשיידן איינער פונעם צווייטן...

## היטן פסח אן קיין כעס

מען זאגט נאך פון רבי אשר הגדול פון סטאלין זי"ע. עס שטייט אין די תורה, אלהי מסכה לא תעשה לך, תיכף נאכדעם שטייט, את חג המצות תשמור, אז מען דארף אפהיטן די יום טוב פסח. וואו קומט צוזאם די צוויי זאכן?

נאר וואס דען, ענטפערט אויף דעם רבי אשר הגדול פון סטאלין, אז עס זענען דא חסידים וואס זענען זייער געווארנט אין יום טוב פסח צו עסן נאר שמירה, אבער דאס ברענגט רוגזא און כעס, און ווען זיי זעען אז די שטוב מענטשן נעמען נישט ערנסט אן די אלע חומרות מיט אלע זהירות, קומען זיי אן צו כעס, און עס שטייט דאך 'כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה' וועגן דעם האט

דער הייליגער באשעפער אין די תורה הקדושה אונז געזאגט: אלהי מסכה לא תעשה לך, דין נישט עבודה זרה, און נאכדעם זאג איך דיר די מצוה פון את חג המצות תשמור, אזוי זאלסטו היטן דעם יום טוב פסח. נישט חלילה וחלילה אריינברענגען אן אנגעצויגענע אטמאספער אוינדערהיים, און אוודאי נישט אויסהונגערן די עולם, ווי עס איז באקאנט די הייליגע אגרא דכלה אין פרשת וישב שרייבט, אז ווען א מענטש איז הונגעריג, איז ער אין א מצב פון רציחה ממש ח"ו...

ערב פסח דארף מען זיין זייער געווארנט, יעדער איינער זאל עסן צום זעט, שלאפן גענוג, כדי מען זאל האבן די כוחות זיך צוצוגרייטן אויפן יום טוב ווי עס באדארף צו זיין, און ווען א מענטש איז זאט און אויסגערוט, איז מען נישט אין כעס, קען מען סובל זיין, קען מען פארטראגן, קען מען ליב האבן. א כעס'ן, א הונגעריגער, א מידער, פארטראגט נישט. אונז האבן א חיוב פון ארויסטראגן די חמץ, א חיוב אריינצוברענגן דעם פסח, און א חיוב דאס צו טון באופן זאט, אויסגערוט, רואיג און יישוב הדעת, אזויווי אלע מצוות התורה.

## מיט א שמחה - מיר באקומען אוצרות!

מען פארציילט אויף רבי נטע ציינווירטה פון ירושלים עיה"ק, אז ער האט זיך צוגעקוקט אמאל ערב פסח ווי יעדער איז פארדאגה'ט און אנגעצויגן, נישט ווי א איד דארף אויסקוקן, פרייליך און לעכטיג. האט ער געזאגט: וואס זענען מיר אזוי צאמגעבראכן ערב פסח? עס איז עפעס געשען? עס איז דא עפעס א גזירה? דער הייליגער באשעפער האט געגעבן א גזירה אז מען דארף ליידער אויסרוימען די חמץ פון די הויז?... אויב עס איז א גזירה, דארף מען אריינגיין אין בית מדרש, און מען דארף גוזר תענית זיין, מבטל זיין די גזירה. די עולם קוקט אויס, ווי עס איז דא א גזירה, עס זעט אויס ווי אינמיטן א מלחמה, זאגט ער, רבוש"ע, דער אויבערשטער האט דאך אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט פסח, א מתנה פון ארויסנעמען די חמץ, א מתנה פון אריינברענגען די פסח, עס איז נישט קיין גזירה!!! עס דארף אויסקוקן ווי עס איז אנגעקומען מיליאנערס, און טריליאנערס!!!

א איד דארף אויסקוקן ערב פסח ווי ערווארט יעצט, אוצרות, יא אוצרות פון גאולה, ישועות, הרחבה, השפעות!!! דאס איז די מצוות התורה פון ערב פסח!

## פסח דארף נאר אריינברענגען שלום

איינמאל ערב פסח זענען געקומען די גבאי צדקה צום שטוב פונעם הייליגן אוהב ישראל פון אפטא זצ"ל, און געבעטן די מצות וואס מען האט צוגעגרייט דא ביים רבי'ן אין שטוב פאר די ארימעלייט, אויסצוטיילן.

די רביצין איז געווען זייער טרוד אנצייגרייטן די עסן פאר יום טוב, האט זי צוגעוויזן וועלכע מצות מען זאל געבן פאר די ארימעלייט, אבער די שטוב מענטשן זענען אויך געווען זייער טרוד, האבן זיי געגעבן פאר די גבאים די ערב פסח מצות פונעם הייליגן אפטער רב. אנשטאט געבן די פשוטע מצות וואס מען האט צוגעגרייט פאר די ארימעלייט.

שפעטער איז די רעביצין אריינגעקומען אין שטוב, און זי האט געזען אז עס איז נישט דא דעם רבינ'ס ערב פסח מצות, האט זי זיך נאכגעפרעגט וואס גייט דא פאר? ביז זי האט אויסגעפונען אז מען האט געגעבן פאר די גבאי צדקה, אז מען זאל אויסטיילן פאר די ארימעלייט דעם רבינ'ס ערב פסח מצות. זי האט אויפגעציטערט! זי האט ממש געקלאפט די הארץ פון פחד! וואס גייט זי זאגן פאר איר הייליגער מאן? וואס גייט זי טון דא?

ביז די רביצין האט זיך דורכגעטראכט, און זי האט באשלאסן, זי וועט אריינלייגן פארן רבי'ן אין זיין מצה טאש פשוטע מצות, און זי גייט זיך מאכן ווי זי ווייסט גארנישט, און דער אייבערשטער וועט העלפן, און עס וועט דורכגיין. און אזוי איז טאקע אדורכגעגאנגן גאנץ יום טוב פסח, און עס איז גארנישט געשען.

נאך פסח איז געקומען א פארפאלק צום הייליגן אפטער רב, אז זיי ווילן זיך גט'ן. האט דער אפטער רב געפרעגט פונעם מאן: פארוואס ווילסטו זיך גט'ן? האט ער פארציילט, אז זיין ווייב האט אים נישט געוואלט קאכן אין פסח אין באזונדערע געשיר וואס מען בראקט נישט, זי האט געוואלט נאר בראקן, און ער איז ברוגז, ער וויל זיך פון איר גט'ן!

האט דער הייליגער אפטער רב געזאגט: רופט אריין די רביצין. די רביצין קומט אריין. פרעגט דער הייליגער אפטא רב פונעם רביצין: וועלכע מצות האסטו געלייגט ביי מיר צום סדר היי יאר? די רביצין האט נישט געענטפערט, זי האט דאך מורא געהאט. האט דער רבי נאכאמאל געפרעגט: איך בעט דיך ענטפער מיר, וועלכע מצות האב איך געהאט? האט זי געענטפערט: איך האב דיר געגעבן פשוטע מצות, ווייל מען האט זיך טועה געווען און מען האט פארטיילט די ערב פסח מצות.

האט זיך אנגערופן דער הייליגער אפטער רב: מיין טייערע קינד, איך האב געגעסן פשוטע מצות ביים סדר נאכט, און א גאנץ יום טוב פסח האב איך מיך געמאכט אז איך כאפ נישט, און איך ווייס נישט, קיינער האט נישט געוואוסט אז איך האב גוט געוואוסט אז דאס איז פשוטע מצות. ווייסט פארוואס איך האב דאס געטון? ווייל ח"ו האבן קפידות, און ח"ו האבן כעס און קריגעריי, קיינמאל נישט און אוודאי נישט אין אזא הייליגע יום טוב פסח, און דו גייסט גט'ן דיין ווייב וועגן געבראקס?!... שוין זאלט איר מאכן שלום, נישט דאס איז די יום טוב פסח, אז מען זאל זיך ארומקריגן און גורם זיין מחלוקת, נאר אהבה שלום וריעות דארף ברענגען די יום טוב פסח פאר אונז אידן.

[המשך יבוא אי"ה]

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך,
שיקט צו:
gilynospm@gmail.com

# אור לנתיבתי

## מקבל זיין א יום טוב מיט א ריכטיגע הכנה

**איינער האט אנגעפרעגט עס קומט א יום טוב, אלע ימים טובים, ער לערנט אדורך די ספרי חסידות און די ענינים פונעם יום טוב, און ער פארשטייט עס, ער האט אין דעם שיינע רעיונות, און ער האט א געוואלדיגע הנאה דערפון. זיין שאלה איז, צי עס הייסט נישט אז ער ברענגט אריין דעם יום טוב באופן שכלי, מען דארף דאך אריינקומען אין די ימים טובים באופן אמונה פשוטה. אפשר זיין גאנצע יום טוב, זיין גאנצע קיום המצוה, איז נאר מיט הנאה, שכלי?**

די תשובה אויף דעם איז: מען מעג הנאה האבן, און מען מעג האבן שכלי אין יעדע מצוה, עס איז נישט דא קיין שום שאלה אויף דעם, עס איז נישט דא קיין שום איסור אויף דעם. די עבודה פון א איד איז, צו טון מצוות התורה צו איך פארשטיי יא צו איך פארשטיי נישט, צו איך שפיר יא א טעם צו איך שפיר נישט א טעם, צו איך האב עס ארויס צו איך האב נישט ארויס, צו איך האב רעיונות צו איך האב נישט רעיונות. אבער צו האבן רעיונות איז נישט קיין פראבלעם.

יעצט, טראכט א מינוט, פון וואו נעמסטו די אלע רעיונות? ווייל אזוי שטייט אין ספרי מוסר, ספרי חסידות, ספרי הלכה און ספרי חז"ל, וואס זיי שרייבן אויף די ימים טובים, איז פשט, אז מען מעג, זיי האבן דאך עס אויך געשריבן!... עס איז נישט פשט אז דו גייסט יעצט עסן מצות ווייל דו האסט געלערנט די כוונות, און די ווערטער פון די הייליגע בני יששכר, און דו האסט עס מורא'דיג ארויס, און וועגן דעם גייסטו עסן מצות.

דו עסט מצות, ווייל עס שטייט אין די תורה, בערב תאכלו מצות, און דו גייסט עסן די מצוות, צו די האסט יא די כוונות צו דו האסט יא די הבנה'ס צו דו האסט נישט די הבנה'ס, אבער וויבאלד דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן א זכות און א זכיה, אז אונז קען מיר האבן הבנה'ס, אונז קען מיר האבן רעיונות, והא ראיה, אז עס איז דא ספרי מוסר וחסידות, והא ראיה אז עס א חלק פון די תורה, אוודאי מעג איך נהנה זיין דערפון, אוודאי מעג איך מיך זיך ארייננקאכן, און נישט נאר מען מעג, אונז האבן שושן פורים ביים טיש מאריך געווען אביסל און ארויסגעברענגט, אז אדרבה, יעדע מצוה, יעדע יומא דפגרא, דארף מען צוגיין מיט ידיעות, מיט די עמקות, מיט די טיפקייט, מיט די געשמאקן פון די ימים טובים.

אז מען קוקט זיך אריין אין די ספרי האר"י הקדוש ותלמידיו, זעט מען, ווי זיי קאכן זיך אריין עמוק עמוק אין די טעמים, אין די געשמאקן, אין די טיפקייט פון יעדן יום טוב, אוודאי דאס איז א מצוה, עס איז א חלק פון די תורה, און עס ברענגט אהבת ה', און עס ברענגט שמחה, עס ברענגט אז מען זאל טון די מצוות מיט א געוואלדיגע געשמאק און מיט א געוואלדיגע חשק און מיט געוואלדיגע בענקענישן צום הייליגן באשעפער, דאס איז נישט קיין שאלה, אדרבה אזוי דארף מען מקיים זיין די מצוות.

וואס דער איד דארף נאר צו וויסן, אז אמאל ער וועט זיך טרעפן חלילה אין מוחין דקטנות, ער קען נישט אלעס אינזין האבן, אדער חלילה עס וועט זיך מאכן א געוויסע טירדא, ער וועט זיך נישט קענען א געוויסע יום טוב צוגרייטן גוט, אדער ער וועט זיין טרוד ער וועט נישט געדענקן אלעס וואס ער האט צוגעגרייט, זאל ער ווייטער אנגיין מיט די זעלבע תענוג,

מיט די זעלבע געשמאק, מיט אמונה פשוטה, צו די יום טוב און צו די מצוות התורה, דאס איז אונזער התחייבות.

אבער אוודאי, טעמו וראו כי טוב ה', עס איז א חלק פון די תורה, און דער הייליגער באשעפער וויל אונז זאל מיר זיך קאכן אין די פארשטענדעניש פון זיינע מצוות, מען טוט עס נישט וועגן דעם, טון טוט מען עס, ווייל דער הייליגער באשעפער האט אונז געהייסן, דאס איז אבער די געשמאק וואס איז לייג מיר צו צו די תורה הקדושה, עס איז א חלק פון די תורה.

די זעלבע זאך, ווען א מענטש לערנט תורה הקדושה, און ער האט הנאה פון א קשיא, פון א תירוץ, די באקאנטע אגלי טל, אוודאי עס איז תורה לשמה, עס איז נישט תורה שלא לשמה, תורה שלא לשמה איז פאר כבוד, פאר פניות, פאר גיאות, אבער צו שפירן א געשמאק און א טעם אין לערנען אין דאווענען אין אונזערע מצוות אין אונזערע יומא דפגרא'ס, אה, דאס איז א געוואלדיגע זכיה, אדרבה ואדרבה, חזק ואמץ, גיי אן מיט די עבודת הקודש, מיט הצלחה און סייעתא דשמיא.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

**קול פנים מאירות:** שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א
**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 |
**ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691
| **אנטווערפן:**323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500

**גרייט אייך צום יום טוב פסח מיט א רואיגקייט ווי קיינמאל פריער.**

## ליסטע פון שיעורים אויפן ליניע צו הערן:

**5216** - צענדליגע תשובות בעניני חודש ניסן, וואס וועט אייך געוויס קלאר מאכן, בהלכה והשקפה.

**5211-5** - הדרכה למעשה און פראקטיש וויאזוי מען קען פירן א סדר טיש אויפן בעסטן פארנעם ובפרט מיט קינדער פון פארשידענע יארגענג.

**5211** - א רייכע אויסוואל פון שמועסן בדברי הכנה לחג הפסח פון די פארלאפענע יארן.